# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Inem Malkhes fun Kunst/ In the Realm of Art

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/052664kp

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author
Rebecca Koppe, Rivke Kope/

### Publication Date
1980

### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# אינעם מלכות פון קונסט

שוין זייער לאַנג ווי איך האָב באַזוכט די אַטעליע פון קינסטלער מיכאל מילבערגער. דעריבער בין איך איצטער אַרויפגעשטיגן די טרעפּ מיט געפיל, אַז איך לייטער אַרויף צו געניסן פון געלייטערטע קונסט, וואָס איז דורך דער צייט באַרייכערט געוואָרן אין כמות — און וואָס איז שוין מיט יאָרן צוריק געווען אויף אַ הויכן שטאַפּל צו נאָך אַ העכערן. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך געכפּלט ביי מיר ביים אַריבערגיין דאָס לעצטע טרעפּל פון זיין אַטעליע, און ביים אַרייַנקוקן אין די גיפּסענע און בראָנזענע ביוסטן איבער וועלכע מען האָט שוין פיל געשריבן און אילוסטרירט אין צייטונגען און אין פּעריאָדיקעס.

אַנטקעגן, געפּאַסט פּאַר אַ פּראָנטאַלן טייל פון אַ מוזעאום, שטייט אַ ראָזע גיפּסענע ייִד (פּרויען־מאָדעלקע). ראָז איז אַ סימבאָל פון פרייד. אירע אָרעמס זענען אויפגעמאַכט. אויך די פלאַכן פון די הענט, גראַציעז האָריזאָנטאַל צעעפנט, בלויז די פינגער זענען צניעותדיק צוזאַמענגענומען. זי זעט אויס ווי אַ טאַנצנדיקע, נאָר אין אַ פּאָזע פון אַ תּפילהדיקן ריטואַל. אָנפּאַס איר אַ צווייטע פרויען־פיגור, ווי אַוועקגעשטעלט צו אַ שטומען דיאַלאָג וועגן מענערוואַרג...

מיכאל מילבערגער דערלאַנגט מיר אַ שטול און אַליין נעמט ער זיך באַוועגן ווי אַ גרויסער אומרו פון אַן אַנטיקן־זייגער... ער שטעלט מיר פאָר זיינע גיפּסענע און בראָנזענע ביוסטן און קעפּ. מען זעט זיי אויף פּיעדעסטאַלן. אויף ווענטפּולקעס און אין אַלע ווינקלען —— אפילו אויף דער ערד; עס טוט זיך ביי אים קעפּ־אויף־קעפּ!...

די פריערדיקע פּערזענלעכקייטן וואָס ער האָט איבערגעשאַפן אין גיפּס, געפינען זיך אַ ביסל אין הינטערגרונט; פון דעסטוועגן דאָמינירט צווישן אַנדערע דער פראַנצויזישער גענעראַל קעניג מיט זיין אַריסטאָקראַטישן גלאַנץ פון אַ מיליטערמאַן, וואָס איז שוין זעקס מאָל געגאָסן געוואָרן אין בראָנז. דער קינסטלער שטעלט זיך לענגער אָפּ ביים מעדיציניש־וויסנשאַפטלער, דער נאָבל־פּרייז־טרעגער, אַנדרעי לוואָוו. אַליין אַ מאָלער פון אַ משפּחה סקולפּטאָרן. ווי מיר ווייסן האָט ער פאַרנומען אַן ערן־אָרט אינעם פּאַסטער אינסטיטוט.

מילבערגער האָט מיט זיין פּראָפעסיאָנעלן כּוח אין דער פּלאַסטישער קונסט געוואָלט אויך דערגיין צו געבן אַ ירושהדיקן אויסדרוק פון זיין משפּחה־שטאָם פון סקולפּטאָרן — און דאָס געהערט שוין הערלעכקייט פון וועלט און מענטש...

— — — — — — — — — — —

— האַלאָ!

— אָ... האַלאָ!

הערשל האָט אַ צאַפּל געטאָן, און — דערשטוינט — אויפגעכאַפּט זיך אין דער ניכטערער וואָר. ער האָט געוואָלט אָנשטייפן זיין גאַנג און אויספּרעסן דעם שמייכל אויפן פּנים. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. זיין באַקאַנטע איז שוין פאַרבייגעשוווּנדן, און האָט — צוריקקוקנדיק פון דער ווייטנס — איראָניש געשמייכלט, צושאָקלענדיק באַדויערנדיק מיטן קאָפּ.

דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט. עס האָט געשמיסן אַ בייסנדיקער ווינט. אויפן הימל — אָפּגעבליאַקעוועט ווי אַן אַלט פּרוכת — האָבן געגליווערט וואָלקנדלעך ווי ווייסער קעז. אַ סימן — אויף אַ גרייפּל שניי און פראָסט. די ביימער זענען געשטאַנען ווי אָפּגעשמיסענע באָד־בעזעמלעך. דער ווינט האָט געריסן זייערע אויסגעקראָכענע טשופּרינעס, און האָט געשניטן די לופט מיטן געפּיף פון זייערע ריטלעך. הערשל האָט געשלעפּט די שווערע פיס — און נאָך שווערער געמיט — צוריק צום טונקעלן, איינזאַמען צימער...

מער צו דער וויסנשאַפט פון אַנטראָפּאָלאָגיע און דערויף דאַרף מען האָבן אַ טיפן אַקאַדעמישן בליק. אַנדרעי לוואָוס מוטער איז אַליין געווען אַ באַהייטנדיקע סקולפּטאָרין, אַ תלמידה פון אַנטאָקאָלסקי. אויך אַנדרעי לוואָוס קוזינען זענען באַרימטע סקולפּטאָרן און מאָלער. זיין מוטער האָט אין דער יוגנט פּאָזירט צום באַרימטן פּאָרטרעט, וואָס געפינט זיך אין טרעטיאַקאָווער גאַלעריע אין מאָסקווע און עס רופט זיך: „דאָס מיידל באַלויכטן פון זון", געמאָלן פונעם נאַציאָנאַלן רוסישן מאָלער, וואַלענטין סיעראָוו (דער זון פון אַלעקסאַנדער סיעראָוו, אַ באַרימטער רוסישער קאָמפּאָזיטאָר, מחבר פון דער אָפּערע: „סאַמסאָן און דעלילא").

ער דערנענטערט דעם לעצטנס אויסגעפּאַרטיקטן ביוסט פון זשאַק מאָנאָ, אַ ספּעציעלע באַשטעלונג פון פּאַסטער אינסטיטוט, פאַר דעם געוועזענעם דירעקטאָר, אויך אַ נאָבעל־פּרייז־געקרוינטער.

טראָץ דער הויכער מדרגה פון כבוד, וואָס מען האָט צוגעטיילט דעם יידישן קינסטלער, האָט ניט קיין שום שליטה אויף אים, קיין שום גאווה און פאַרריסנקייט. אין אַן ענגן קרייז פון ביוסטן שווימט מילבערגער ווי אַ פיש אין וואַסער; ער הייבט זיי אויף פלינק און דערנענטערט צום באַזוכער. עס שפּאַצירן אַדורך פאַרן אויג אַ רייע ישראלדיקע פּרעזידענטן און מיניסטאָרן. אָנהייבנדיק פון גענעראַל עזר וויצמאַן (פּאַרטיידיקונגס מיניסטער); פּרעזידענטן: זלמן שזר, אפרים קציר — און, דער איצטיקער (אויף לאַנגע יאָרן) יצחק נבון. אַ שאָד וואָס ס'איז ניטאָ קיין קאָפּיע פון בן־גוריונס ביוסט ז"ל.

וועגן זלמן שזר האָט דער קינסטלער־סקולפּטאָר, ליטשאַנסקי (געשטאָרבן ביי 102 יאָר) זיך אויסגעדריקט (אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט מילבערגערן), ווי עקספּרעסיוו, אידענטיש ער האָט באַשאַפן דעם שזר־ביוסט. אויך דער איצטיקער פּרעמיער־מיניסטער, מנחם בעגין, געפינט זיך אין דער נאָבעלער געזעלשאַפט פון מלוכה־לייט. טראָץ זיין שווערע מיניסטאָרישע מיסיע, זעט ער אויס אַזוי רואיק און זיכער, ווי עס דאַרף זיין אַזאַ פּערזענלעכקייט. מען קאָן זיך ניט אָפּשיידן פון דעם שיינעם בראָנזענעם ביוסט, דעם צעשמייכלטן פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אריה דולצין.

אַ טייל פון מילבערגערס ביוסטן זענען אונדז פּערזענלעך באַקאַנט און נאָענט. אָט זעט מען דעם קאָפּ, וואָס טראָגט די ראַנגע פון אַ חשובן זשורנאַליסט, נפתלי זילבערבערג. מילבערגער אַליין באַוווּנדערט אים צו ערשט און דרייט אים פאַר מיינע אויגן פון אַלע זייטן מיט אַ גלעט איבערן קאָפּ, ווי אַ טאַטע גלעט זיין קינד... ער ציט מיין אויפמערק אויף זיין שטערן און קופּאָלאַרטיקן אַרויף צום שאַרבן. זיין אויף פאָרויס אַרויסגערוקטן קאָפּ מיט אַזאַ פּינקטלעכע פאַקטורע, אַז כ'וויל אַ רעד טאָן צו אים. זיך באַגריסן, אַזוי לעבעדיק און מילד קוקט ער צו זיינע שכנישע קעפּ... און אָט כאַפּ איך אַ בליק אויף יחזקאל קאָרנהענדלער (באַקאַנטער זשורנאַליסט און שרייבער) און פון וועלכער זייט איך זאָל אים ניט זען, דאַכט זיך מיר אַז איך זע דעם אָריגינאַל פונעם מאָדעל — דעם יונגיטשקן בן־שמונים מיט זיינע ברייטלעך־צעפּלאָסענע האָר אויף בײדע זייטן קאָפּ, וואָס גיט אים צו חשיבות — צו כאַפּן דעם אָנבליק צו בן־גוריונען...

אַ באַזונדער גרויס פאַרגעניגן פאַרשאַפט ד"ר חיים סלאָוועס ביוסט (דראַמאַטורג און עסייאיסט. אַן עקספּרעסיע פון אַ ברייטן שמייכל פון וועלכן מען קאָן זיך ניט אָפּקערן.

ווי אַ פאַרבלענדער כאַפּט עפּעס אַרויס פון טאַש ווו ער האָט פון פריער אַריינגעלייגט אַ קאָלירט שטיקל זיידנס און ציט אַרויס דערפון אַ טייבעלע... זעט מען פּלוצים אַ קליין קעפּל, וואָס פאַרמאָגט אינעווייניק אַ גרויסן, אוניווערסאַלן אוצר מיט וויסן און אַ פענאָמענאַלן זיכרון. מען דערקאָנט גלייך ווער־ס'איז־ווער. דאָס איז דער געהעכסטער פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט, דוב סדן (אויב כ'האָב קיין טעות ניט, איז „געהעכסטער" זיינס אַ דיאַלעקטישער פאַרבייט פון געערטסטער). מיכאל מילבערגער רעדט פון אים מיט באַגייסטערונג און דערציילט וואָס פאַר אַ מנגן ער איז; אַלע סעאַנסן

פון פאַזירן ביי אים האָט ער אויסגעפילט מיט אַ גאַנצן רעפּערטואַר פון ניגונים...

פון אַ ווינקל ווייסלט זיך אַרויס אברהם סוצקעווערס קאָפּ מיטן באַגראָזטן וואַנסעלע איבער דער אויבערשטער ליפּ. און כאָטש ער שוויגט אַזוי, פילט מען אָפּ סענסאָריעל דאָס דריידל פון זיינס אַ פּערז וואָס גרייט זיך אַ בליץ צו טאָן פון זיין מוח־שקאַטולקע...

דאָס פּערטל פון געשטאַלט פון שימעון דזשיגאַן, לאָזט ניט צו רו. ניט נאָר איז זיין קאָפּ אַזוי אידענטיש און פּרעציז, ווי אויסגעקנאָטן אין מיטן שפּילן; אויך דאָס שאַליקל, וואָס איז ממזריש פאַרשלייפט און דראַפּירט אַרום זיין האַלדז, זעט אויס ווי אַ שטיקל רעקוויזיט פון אַ דראַפּירטע טעאַטער־פאָרהאַנג און דערמאָנט גלייכצייטיק די גרויסע ווערק פון מייסטערס מיט וועלכע מען אילוסטרירט ענציקלאָפּעדיעס. די גאַנצקייט בכלל איז אַזוי אַטראַקטיוו, אַז ס'דאַכט זיך אָט גייט ער אַ לאַך טאָן פון דער גאַנצער וועלט, כדי צו מאַכן אַנדערע לאַכן...

די באַברילטע מענער האָבן ספּעציעל צוגעצויגן מיין אויפמערק. דער איצטיקער פּרעזידענט, יצחק נבון, טראָגט נאָר אַ סימבאָל פון ברילן שפּורן, ניט מער ווי דרייעקיקע בראָנזענע באַשלעגן, ווי אַ רעליפאַרטיקער אָרנאַמענט איבערן אויג. מיט אויסנאַמלעכער פּינקטלעכקייט זענען אויסגעפירט די פאַרקעמטע קעפּ. די פּאַטינע לאָזט זיך דערקאָנען אפילו אין די דינע שרינטלעך, וואָס טיילן סיי די געדיכטקייט פון די פּאַסמעס האָר, סיי די ליסע־אָפּטיילן — פּונקט ווי דער אָרגאַנישער סובסטאַנץ פון פעטקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט זיך אויך אינעם אויסשייד פון שוויס דורך די הויט־פּאָרעס און לאָזט זיך ניט גרינטלעך באַזייטיקן. אַזוי לאָזט מילבערגער אַביסל שטויב, וואָס שטרייכט אונטער, פאַרשאַרפט זיין נאַטירלעכע פּאַטינע פונעם קאָפּ־שייטל.

די פּרי־האַרבסטיקע זון לאָדנט אויס דעם גאַנצן רעזערוו פון זון־פיילן אויפן באַגלאָזטן דאַך — און דער נאַטירלעכער ליכטוואַרפער קרייזלט אַרום מיט זייגע ווייזפינגער איבערן באַלעבטן מענטשן־לאַגער; דערוואַרעמט אים און העלפט צו דער ראָטאַציע פון קונסט־האַנטווערקער, וואָס טראָגט זיך צווישן זיין באַפעלקערטן באַשאַף מיט אַזאַ ליבשאַפט און יראת־הכבוד, אַז יעדער ביוסט וואָס ער הייבט אויף טראָגט ער ווי אַ ספר־תורה צו הקפות... פון וועלכע ער לייענט אַרויס און טייטשט אַריין די קלענסטע דעטאַלן פון אַ מענטשלעך פּנים.

אויף אַן אויפנאַמע ביים ישראל־אַמבאַסאַדאָר, וואָלטער איתן, בשעת דעם איבערגעבן דעם בראָנזענעם ביוסט פון גענעראַל פּיער קעניג, וואָס איז אויך באַערט געוועז פון הרב הראשי יעקב קאַפּלאַן, האָט אים מילבערגער שפּאַסיק אַ זאָג געטאָן: איך בין דאָך ביי אייך פּסול!... — וואָרום? „ווייל ס'שטייט דאָך געשריבן, לא תעשה לך פּסל“! — ניין — האָט דער עמינענטער ראַבינער געענטפערט: ס'איז שלעכט פאַרשטאַנען... „פּסול“ איז דיסקוואַליפיקאַציע; אַז מען מאַכט אַ טויטע קאָפּיע פון דער נאַטור, איז עס פּסול, אָבער ווען מען מאַכט לעבעדיק, איז עס אַ מיצווה, אַדרבא, איר מעגט!

ווי ס'איז ביים מעדיצינער, די צונג, דער שפּיגל פון די פונקציאָנעלע פאַרדייאָרגאַנען, אַזוי איז די אינטראָספּעקציע פון זיין מאָדעל אַרויסגעשפּיגלט אויפן געזיכט, נאָך מער, איך וואָלט געזאָגט, אַ ראַדיאָגראַפיע פונעם אינערלעכן, מענטשלעכן געמיט, כמו אַ דיססעקציע פּסיכאָאַנאַליטיש אָפּגעדעקט אין דער האַרטער מאַטעריע פון פאָרמען.

ביי מילבערגערן איז זיין אוניווערס דער קליינער וואַרשטאַט, וואָס איז אויסגעפילט איבער די ברעגעס מיט קינסטלערישע ווערק; דאָס איז זיין אינטימע וועלט. דאָרט קנעט ער די פּערפעקציע פונעם מענטשלעכן ריז, וואָס איך וואָלט סינאָנימיזירט מיט אַ באַרג... אפשר האָט טאַקע זיין נאָמען, מילבערגער אַן אַבסטראַקטן שייכות מיט צעמאָלן „בערג“ און צוריק אויפשטעלן, לויט דער קינסטלערישער פאָרמולע פון אָפּבילדן דעם מענטש און אים ווידער אויפלעבן אין גיפּס אָדער בראָנז?

מיכאל מילבערגער האָט ניט געבויט קיין פאַמיליע־לעבן. ער געהערט צו די קינסטלערס, וואָס קאָנען זיך ניט אונטער־

וואַרפן קיין קאָמפּראָמיסן (אפילו ווען ס׳איז נייטיק צו דער האַרמאָניע). און ווי סתירותדיק דאָס זאָל ניט זיין, לעבט ער סיי ווי דעם פּאַראַדאָקס פון גוט און שלעכט, פון קאָפּ און שלאַק... דעריבער האָט ער זיך אין גאַנצן געווידמעט דער קונסט. זיין געוויסן זאָגט אים אַוודאי אונטער, אַז ער וועט ניט זיין מסוגל אויסצופירן די געבאָט־פליכטן פון אַ פאַמיליענמענטש. אָבער אינטערעס פאַרן גליק פון עולם הזה האָט ער גענוג — און פאַרשטענדלעך אַ גרויסע טייל אויף צו עקזאַלטירן דעם עול פון שאַפונגסס־גייסט, וואָס דאָמינירט אין אים. דעריבער איז אויך ניט קיין וווּנדער וואָס ער שלאָפט טייל מאָל אין זיין אַטעליע און באַוואַכט זיינע אוצרות, ווי אַ לעבעדיקע אַנאַטאָמיע צווישן דער האַרטער מאַטעריע; און אין דער מאַסקע פון שלאָף ווערט ער אַזוי אַרום דער סינטעז פון זיין באַשאַף.

אַלע וואָס קענען אים ווייסן אַז ער.לעבט מיט די גליקן פון זיין אַרבעטס־כוח און פאַרערונג. ער האָט ניט קיין שום פּראַקטישן צוגאַנג צום לעבן. איינגעוויקלט אין זיין אַטעליע, ווו מען שטיקט זיך פון ענגשאַפּט, אַז מען מוז גיין כמעט אויף די שפּיצן פינגער בכדי ניט צו שעדיקן קיין שעדעווער... יאָ, ווי גוט צוגעפּאַסט איז פאַר אים דאָס פאָלקס־ווערטל: „פול אין קעפּעלע און פוסט אין טעפּעלע“. דאָס אַרבעטס־צימער איז זיין רייכטום ווו ער האָט געהערט ווי מען פאַרגלייכט די עקספּרעסיע־שאַרפקייט פון זיינע ביוסטן צום פראַנצויזישן מייסטער, שאַרל דעספּיאָ (געשטאָרבן נאָכן צווייטן וועלטקריג). אויך צו דער וועלט־באַרימטער פיגור אויפן מאָלעריי־געביט, וועלאַסקעז (געלעבט אין 17טן יאָרהונדערט).

כאָטש עס איז שוין באַקאַנט פון דער פּרעסע, אַז ער האָט אויך געהאַט אַ באַזוך פון דער פרוי סימאָן וועיל, פּרעזידענטין פון דער אייראָפּעישער אַסעמבלי, וויל איך דווקא מאַכן אַ „פּלאַגיאַט“ און דאָס איבערחזרן, ווייל ס׳איז אַ צולאָג צו זיין רום און, וואָס טיילט צו ספּעציעלע חשיבות דעם ווייבלעכן מין. טראָץ דעם איז איז כדאי די קליינע דיגרעסיע אויף אונטערצוהאַלטן די טעזע, וואָס ווערט לעצטנס באַלויכטן, אַז פרויען זענען נאָך אַלץ הינטערשטעליק אויף מענלעכע פּאָזיציעס ... אָבער אַ זון־זייגער וואָס שטייט אין שאָטן, איז פון דעסטוועגן אַ זון־זייגער!

ווען כ׳האַלט שוין ביים אַוועקגיין און דריי זיך אויס צום אַראָפּגאַנג, וואַרף איך אַ לעצטן געזעגענונגס־בליק אויף די אַנוועזנדיקע פּערזענלעכקייטן. ס׳ווערט שטיל — ווי אַן אָרקעסטער אונטערן דיריגענטס שטעקעלע... פּלוצים גיט אַ קוק אויף מיר פון אַ ווינקל ווי מיט אַ פאָרוורף: „איך בין דאָך דער שווייצער דראַמאַטורג, פרידריך דירעמאָנט, דו קענסט מיך ניט?“ איך בלייב שטיין ביי דער קאָרפּולענטער געשטאַלט און פיל אַז דער יידנפריינד ווי אויך זיין אָנוועזנדיק אין מיין זיכרון... מיט זיין אויסנאַמלעך פולן געזיכט רופט ער ביי מיר אַרויס אַן אַסאָציאַציע מיט אַן אינדישן גאָט. און כאָטש עס קוקט צו מיר דער גרימירטער קאָפּ פון מאַרסעל מאַרסאָ, זע איך אים דווקא אַ שוועבנדיקן אויפן היימישן עקראַן ווו ער טאַנצט אויס אַ לעבנסבילד...

מיכאל מילבערגער איז זייער פריינדלעך — נאָך מער, ער איז גליקלעך אויפצונעמען באַזוכערס און ווי ער דריקט זיך אויס מיטן רוסישן ווערטל, אַז עס גיט אים די געלעגנהייט „צו צעקעמען די צונג“ און גלייבט מיר, אַז ס׳איז אַ שאָד וואָס זיינע פּראָפעסאָרישע דערקלערונגען, די פּריזירטע ווערטער, וואָס שייך איינצלהייטן פון דער קונסט־טעכניק, וואָס רירט אָן — קאָן מען זאָגן די האָר־וואָרצלען, איז באמת צום באַדויערן, וואָס זיינע רייד ווערן ניט רעקאָרדירט אויף אַ מאַגנעטאָפאָן; ווייל צום שרייבן איז ער פויל, ווערט דאָס אַלץ פאַרשווענדעריש פאַרפאַלן.

עס האָט אַ פאַרליבטער אין קונסט, קובאַ פישבין (וועלכער האָט זיך לעצטנס באַוויזן אין די יידישע פּעריאָדיקעס) געוואָרפן אַ פונק פון אַן אידעע, אַז מען זאָל באַשטעלן צוויי אַרבעטן ביי מילבערגערן כדי צו פאַראייביקן די צוויי גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס זענען שוין געוואָרן לעגענדאַר־געשיכטלעך פאַראייביקט אין שריפט. דאָס זענען: דער טעאַטראַלער גאון, שלמה מיכאָעלס, און דער ניט קלע־

נערער גאון, שרייבער און הומאַניסט, דער פאָטער פון אַלע קינדער־יתומים, יאַנוש קאָרטשאַק (הענריק גאָלדשמיד). די ווענדונג האָט באַקומען אַ פּאָזיטיווע צושטימונג בלויז פון איינצלנע, פון מויל צום אויער, אָדער בריוולעך. דער איינציקער וואָס האָט זיך אָפּגערופן עפנטלעך איז ד"ר לעווענבערג (מיטאַרבעטער פון „אונדזער וואָרט"). דערמיט האָט זיך הער פונק דערוויל פאַרלאָשן.

אַ מאָנומענט אין שטיין אָדער אין בראָנז, אינטעגרירט זיך שאַרפער אין אונדזער געדעכעניש צו דערמאָנען די אַכזריות פון פוילן און רוסלאַנד. ס'איז מער עלאָקווענט, ווייל ס'איז אַ דירעקטע ווענדונג צום וויזיאָנערישן זיכרון — און זיי האָבן דאָס פאַרדינט ביים יידישן פאָלק!

דער באַליבטער מייסטער מילבערגער, דער וואָס באַזיצט דעם בכבודיקן טיטל פון פּראָפעסאָר אין זיין צווייג פון פלאַסטישער קונסט, און וואָס האָט שוין באַשיינט לעולם ועד מיט מאָנומענטן פון די גדולים פון פרעמדע פעלקער און אויף פרעמדער ערד, פוילן און ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זייערע נעמען זיינען שוין באַקאַנט פון אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיט קונסט־קריטיק און זענען סתם ענטוזיאַסטן פון עסטעטיק, מעג מען פאַר מילבערגערן ציטירן אַ לאַטייניש זאָג: „עגאָ סום קיסום" (אידיבין דער וואָס איך בין), נאָר מיטן פראָנאָמען פון דער דריטער פערזאָן: ער איז דער מייסטער, וועמען מען קאָן אָנטרויען די דאָזיקע גיגאַנטישע אַרבעט און דאָס וואָלט געווען דיי טיפסטע געשיכטלעכע דימענסיע פון קרבנות־קדושים פון פאַרשיידענע קאָנטינענטן, וועמענס רוצחישע נעמען זענען ניט ווערט אפילו מען זאָל זיי אויפשרייבן!

ווען כ'האָב געפרעגט אַ בייגעריקע, צי מילבערגער האָט שוין אַמאָל געטראַכט וועגן זיינס אַן אויטאָ־פּאָרטרעט אין גיפּס, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט פיינט פאַרנעמען זיך מיט זיך אַליין.

דאָס הערנדיק האָב איך נאָך מער פאַרשטאַנען ווי וויכטיק ס'וואָלט געווען ווען מען העלפט אים כאָטש אַרויסגעבן דערווייל אַן אַלבאָם, אַביישטייער צו דער געשיכטע פון קונסט ביי יידן מיט טעקסטן פון די פרעסע־אָפּרופן. ער וואָלט אַוודאי געווען גליקלעך אויך אַריינצונעמען אין אַזאַ אַלבאָם ווערק נאָך וועלכע ער בענקט און באַגערט צוריק זיי צו האָבן אין זיין וואַרשטאַט! די דאָזיקע אונטערנעמונג דאַרף אַ מעצענאַטן אָרגאַניזם און אַן אָנהייבער, אַ וועקער, וואָס זאָל אַריינשפּילן אין דער אַמביציע פון אַ פינאַנציעלן וועט־מאַטש...

* * * * *

נאָכן ספּעקטאַקולאַרן באַזוך ביים קינסטלער אין מלכות פון קונסט, וועל איך לאַנג, לאַנג זיין אונטערן איינדרוק פון אַ טיף איבערגעלעבטע פרייד מיטן שמייכל פון שכינה, וואָס האָט מיך אָנגעסטרויעט צום דאָזיקן מאמר.

---

## לאָטי פ. מלאך

# שיינט די זון...

שיינט די זון אויף רויטע לאָקן,
פאַלן שטראַלן — גאָלד אויף גאָלד.
שפּילט אַ קינד זיך אום אין גאָרטן,
לויפט עס, לויפט און... פאַלט.

ליגט עס אויפן גראָז דעם גרינעם
מיט אַ גרויס געוויין.
מחמת דעם:
ס'איז אים נמאס געוואָרן זיצן
האָט עס אָנגעהויבן גיין.

אויגן, בלויע הימלען צוויי
און איבער אונדז דער גרויסער הימל
איז אינאיינעם הימלען דריי.

אַ קולכל דאָס האָט זיך
גלעקל קלאַנג און זילבער העל
עס כאַפּט עס אויף דער פויגל מיט זיך
און ענטפערט אָפּ טרעל נאָך טרעל.

שיינט די זון אויף רויטע לאָקן,
פאַלן שטראַלן — גאָלד אויף גאָלד.
אַזאַ קינד אין ערב פרילינג
האָט דער העלער טאָג געמאָלט.